# בית דין צדק דקהל האלמין

## נישט יעדער הכשר איז כשר

כשרות איז נישט פעסגעשטעלט געווארען. און אין פיל בעקריייען ווערן אנגעהויבען די ארבעט פאר דעם אויסגאנג פון שבת און זיי האבען אויך אדאבישע אנגעשטעלטע וואס אויף זיי ווי פארשטענדליך קען מען זיך נישט פארלאזען אין כשרות ענינים. אין פיתות ווערען פראדוצירט מערסטענס דורך אראבער און ווערן פארקויפט אויף דעם אידישען מארק. די פראבלעמען זיינען דא נאך שווערערע עס איז כמעט נישט דא קיין קאנטראל אויף אויל און שטאפן פאר דער פראדעצירונג פון פלאפל. און דער ענין פון שקצים ורמשים איז אזוי הארב אז די גמרא זאגט אז ביי עסען א מורישקע איז מען חייב פינף מאל מלקות. די נייע טעכנאלאגישע ערפינדונגען ביים דעם פראדוצירונג פון וויין און שארפע געטראנקען האבען אויך געשאפען פיל כשרות פראבלעמען. פיל פלייווערס וואס ווערען צוגעגעבען פאר פארבעסערען דעם געשמאק, דעם ריח און קאליר ערוועקען גרויסע שאלות לגבי די ברכה פון בורא פרי הגפן און צו מען קען נוצען די וויין צו קידוש און הבדלה אדער צו ארבע כוסות פאר פסח. דער פארמעסט מיט די אלע פארפלאנטערטע פראבלעמען פאדערט גרויס קענטשאפט און גרויס אכטונג, וואס איז א ספק צו עס ווערט אנגעווענדעט איבעראל.

זייער שווער איז די פראגע פון כשרות ביי פראדוצירען די שפייז, ווען די פראדוצירער האבען אלע גוטע בוונות צו היטען אויף די כללי הכשרות. נאר פאר זיי און פאר די משגיחים וואס געפינען זיך ביי דער ארבעט פעלט דער וויסען אויף דעם אינהאלט פון די רוי שטאפען. אזוי איז פעסגעשטעלט געווארען אז א געוויסע פארב וואס ווערט באנוצט צו קאלערן עסען (וועלכע רופט זיך קייניל, אדער אין עברית: חומצה כרמינית) ווערט געשאפען פון ווערים. פאר דער רייניגונג און רייז און זיין ווייסונג ווערט גענוצט צווישן אנדערע אויך גלוקוזה, וואס איר מקור איז נישט שטענדיק באוואוסט. ראזשינקעס ווערען פיל מאל געשמירט מיט פעטס פון א בעל חי פאר רעם אריינגיין אין אויוון און גאנג פון זייער אדבעט. קאקוס־ניס געמאלענע גייען דורך א פראצעדור פון פארבעסערונג מיט "גליצערין" וואס ווערט געמאכט פיל מאל פון פעטס פון א בעל חי. גליצערין קומט אויך אריין אין די סיראפן געגען הוסטען.

שפאט. עס ווערט פארציילט אויף קעבער וואס גרייטען צו עסען פון תערובת בשר בחלב, אדער בגניבה אדער דורך אויסנוצען דאס תמימות פון משגיח און גיבן צו עסן די געסט טמא׳נע מאכלים מיט א דעק פון א הכשר.

עס וואלט געפאסט אז יעדער וואס עסט אין א רעסטאראנט זאל נישט נתפעל ווערן פון דעם הכשר צייגעניש, אדער פון דעם באדד פון משגיח און זיינע פיאות, נאר זאל אדיינקוקען אין די קעך און ארויפקוקען אויף די פנימ׳ער פון די קעבער און די קעך ארבייטער, שטייט אין דעם דערמאנטען חוברת. נישט יעדער הכשר זאגט עדות אויף דעם כשדות פון פראדוקט אדער רעסטאראנט. הלכה׳דיגע פשרות, מאנגעל און פונדאמענטאלע וויסען, אפגעלאזנקייט, נארישקייט, מאנגעל און אויפמערקזאמקייט און פוילקייט, די אלע צוזאמען גענומען זיינען די וואס צעטרייסלען דעם גרעסטען מערהייט פון די הכשדים וואס זיינען פארשפרייט אין ישראל.

געווען א מעשה אין א באוואוסטע ווארשט פאבריק וואס האט באקומען א הכשר פון באוואוסטע רבנות און דער תמימות׳דיגער עולם האט געגעסען און געגעסן, ביז אין א שיינעם טאג איז געבדענגט געווארען געגען דעם פאבריקאנט א געריכטלאכע קלאגע פון געזונהייט מיניסטעריום, אז ער פראדוצירט ווארשט פון קעמל פלייש. דער אויסגאנג פון דעם סקאנראל איז געווען, די אויפווייזונגען פון געזונהייטס מיניסטעריום האבן איבערצייגט די ריכטער אנצונעמען פאר ריכטיג אז רער פאבריקאנט האט טאקע יא געמאכט ווארשט פון קעמל פלייש, טראץ דעם עדות פון רב המכשיר און זיין חבד דער משגיח.

עס איז שדעקליך די עדות פון באגלויבטען מענטש וואס האט פרובידט באאבאכטען די כשרות איינשטעלונגען אין איינעם פון די גדויסע צענטערען פון עופות מארקעט פון רעדי "כשר געמאכטע עופות און גרייט צום קאכן" מיט א הכשר פון די דארטיגע גאר ערענסטע רבנישע אינסטאנץ. איז ער מעיד אז איין ארבעטער זאלצט אויס ביז טויזענט עופות איין שטונדע, די עופות וועלכע ווערען געזאלצען נאר פון דרויסען בלייבען אין זאלץ נאר 10 מינוט (אנשטאט א שעה ווי דער רין). אין אינעווייניקסטע

פיל ווערט אויב עס איז נישט דא דער פולסטער צוטרוי צו דער פראדוצירער אדער סוחר וואס ביי אים ווערט געקויפט דער געברויך. יעדער סוחר קען אפשווינלדען טראץ דעם געלונגסטען הכשד, און די פרצות פאר אפנארעריי און שווינדעל זיינען ברייט אפען. אפילו דער פראדוצירער זיינען יראי שמים, איז דאס נישט קיין פאדזיבערונג אויף דער כשרות פון זייער פראדוקטען, אויב זיי קענען זיך נישט אויס אויף די כלעדלדיי רוי מאטדיאלען פון וואס די פראדוקטען ווערן צוזאמענגעשטעלט.

געווען א מעשה ביי א יאטקע וואס די בעלי בתים זיינען מדקדקים במצוות און זיינען געווען מוחזק פאר א סאך יארען ווי באגלויבטע אויף כשרות, און די קונים האבען זיך פארלאזט אויף זיי מיט א דואיק געמיט און זיינען געווען זיער איבערצייגט אז ראדט קומט אריין נאר כשר פלייש למהדדין מן המהדרין. נישט איין מאל האבען זיי געהערט דעם בעל הבית פון בוטשער סטאר זאגן אויף א געוויסע פלייש "דאס איז נישט פאר דיר", ווי א איבערצייגונג אויף פאראנטווארטליבקייט און צוטדוי. איינער פון די קאסטומערס האט דערציילט אז פון מאל צו מאל דערציילט אים דער בוטשער פון שאלות וואס איז ביי אים פאדגעקומען, אויף אפהאנדלונגען מיט דעם ארטיקען דב און אויף די פסקים פון רב, דער פדאבלעם און אן אנדערער פראבלעם, און ווייטעד די הלכה און אן אנדערע פסק און עס איז געבליבען דער איינדרוק אז דער קצב איז אין שטענדיקען קאנטאקט מיט דעם רב און דעדט זיך מיט אים שטעדניק אדורך איבער די כשרות פראגען, און אז עס איז נישט דא קיין צווייפעל אז אלץ איז אין בעסטן ארדענונג. ביז ביי א געלעגענהייט האט זיך אויפגעוויזען אז דער רב קען בכלל נישט דעם קצב. ער האט אים קיינמאל נישט געזען, קיין מאל נישט געפסקענט קיין שאלה פאר אים, נישט פאר אים און נישט פאר זיין שליח. לא היו דברים מעולם, נישט דער רב און נישט אן אנדערע דב, און די אלע מעשיות וועגן געשפרעכען מיט דעם דב איז נאר געווען א טייל פון ביזנעס פראפאגאנדע פון דעם קצב וואס איר ציל איז געווען צו איבערצייגען ווי גדויס עס איז זיין אויפפאסונג אויף די כללי הכשרות.

עס ווערט ערציילט אז אמאל האט זיך פארשפרייט א שמועה

